שׂמחה דאָן

## נויט

אין שטומער וויינענדיקער נויט קריכט דער עלנט אויף די ווענט,

און ס׳שרעקט דער טריבער גאַנג פֿון זייגער, ווי דאָס אָנקומען פֿון טויט.

אָ קראַנקע, הונגעריקע קינדער, וואָס העלפֿט דאָס בייסן דען די הענט

ווען ס׳פלאָגט דער הונגער: ברויט! ווען ס׳פּלאָגט דער הונגער: ברויט!

פֿון יעדן ווינקל שטאַרט אַרויס דער צער, ווי דער טויט ביי איינזאַמע אבלים

און ס׳גליווערט ס׳שטומע שווייגן און הענגט וו׳אַ בלאָנקענדיקער גייסט.

פֿאַרמאַכט די טיר פֿון דרויסן און לייגט די קינדער שלאָפֿן,

סיי-ווי וועט קיינער דאָ נישט קומען און ברענגען אייך אַ טרייסט...

עס גליווערט שטום דער עלנד, ווי דער קאַלטער שימל אויף די ווענט,

עס זשומען איינזאַמע פֿליגן און פֿאַלן ערגעץ טויט...

אָ קראַנקע, הונגעריקע קינדער, צי שטילט דאָס בייסן דען די הענט,

ווען ס׳פלאָגט דער הונגער: ברויט! ווען ס׳פּלאָגט דער הונגער: ברויט!

----------------------------------------------------------------- ---------------

״אויפגאַנג זאַמלבוך״ ז. 173( 1931)

Noyt

In shtumer veynendiker noyt krikht der elnt oyf di vent,

un s'shrekt der triber gang fun zeyger, vi dos onkumen fun toyt.

O kranke, hungerike kinder, vos helft dos baysn den di hent

ven s'plogt der hunger: broyt!  ven s'plogt der hunger: broyt!

Fun yedn vinkl shtart aroys der tsar, vi der toyt bay aynzame aveylim

un s'glivert s'shtume shvaygn un hengt v'a blonkendiker gayst.

Farmakht di tir fun droysn un leygt di kinder shlofn,

Say-vi vet keyner do nisht kumen un brengen aykh a trayst...

Es glivert shtum der elnt, vi der kalter shiml oyf di vent,

Es zhumen aynzame flign un faln ergets toyt...

O kranke, hungerike kinder, tsi shtilt dos baysn den di hent,

ven s'plogt der hunger: broyt!  ven s'plogt der hunger: broyt!

============================================================

## Need

Trans. Andrew Firestone and Leigh Fetter

Silent, sobbing need – distress creeps along the walls.

Fearful the clock's dull ticking – foreshadows death.

Oh sick and hungry children, how can hand-biting calm at all

while hunger torments "bread!" – while hunger torments "bread!"

Grief stares from every corner, as death does to a mourner alone.

Firmly fixing the silence, it hovers like a wandering spirit.

Put the children to sleep and secure the outside door –

Anyhow no one is bringing anything of comfort...

Their aloneness freezes them silent, like the cold mould on the walls,

Solitary flies buzz  and somewhere fall down dead...

Oh sick and hungry children, how can hand-biting calm at all

while hunger torments "bread!"  –  while hunger torments "bread!"

-----------------------------------------------------------------------------------------